**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/23/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**דורכאויס ערד וואך, האט גאווארנער האקול באצייכנט SUNY Oneonta אלס די ערשטע סטעיט אוניווערזיטעט צו געבן ענערגיע פאר טייל פון איר קאמפוס מיט לאקאל גענומענע ענערגיע דורכך NYSERDA פראגראם**

***ערשטמאליגע טראנסאקציע צווישן NYSERDA און SUNY איז א רעפליקעבל מאדעל פאר אנדערע ענערגיע באנוצער; מוטיגט רעדוצירונג פון קארבאן פיס-אפדרוק און שטיצט לאקאלע, באנייבארע ענערגיע פראיעקטן דורכאויס די סטעיט***

***לאקאלע, ריינע ענערגיע וועט געבן עלעקטריק פאר פיר, 200-בעטן רעזידענס זאלן אויף אנעאנטא קאמפוס***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז די סטעיט אוניווערזיטעט אוו ניו יארק אין אנעאנטא (SUNY אנעאנטא) איז די ערשטע SUNY צו קויפן Tier 1 באנייבארע ענערגיע סערטיפיקאטן (Renewable Energy Certificates, REC) פון די ניו יארק סטעיט ערנערגיע אונטערזוך און אנטוויקלונג אטאריטעט'ס ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) וואלונטירישע סעילס פראגראם. די אפקויף איז א מאדעל פאר ענערגיע באנוצער - קאמערשל, אינדוסטריעלע און אינסטיטוציאנאלע יוטיליטי קאסטומערס - עס נאכצומאכן לענגאויס די סטעיט און וועט צושטעלן גענוג לאקאל-געקויפטע ריינע ענערגיע צו פולשטענדיג פאורען פיר, 200-בעטן רעזידענס זאלן אויף די SUNY אנעאנטא קאמפוס.

"ניו יארק סטעיט טוט ווייטער באווייזן איר איבערגעגעבנקייט צו פאראויסברענגען ריינע ענערגיע לעזונגען און דויערהאפטיגקייט," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך אפלאדיר SUNY אנעאנטא פארן פאורען איר קאמפוס מט ריינע ענערגיע. נישט נאר ברענגט די פראגראם די אוניווערזיטעט איין טריט נענטער צו דערגרייכן קארבאן נאטורליכקייט, נאר עס שטעלט אויך צו א בלופרינט פאר אנדערע SUNY קאמפוסן נאכצופאלגן."

איינגעפירט דורך NYSERDA, איז די וואלונטירישע טיער 1 REC פריסעיל פראגראם אוועקגעשטעלט געווארן אין 2023 צו שאפן א געלעגנהייט פאר יעדע ארגאניזאציע - ארייגערעכנט קאמערשל, אינדוסטריעלע און אינסטיטוציאנעלע יוטיליטי באנוצער - צו קויפן הויכע-קוואליטעט ניו יארק טיער 1 REC און oREC גענומען דורך NYSERDA דורך א קאנקורירנדע פראצעדור. טיער 1 oREC שטעלט פאר די ענווייראמענטאלע אטריבוטן (פון איין מעגאוואט שעה (MWh) פון ענערגיע גענומען דורך באנייבארע רעסאורסעס אזוויי ווינט און זון. פאר די פראגראם, מוזן די קוועלער זיין באנייבארע ענערגיע סטאנדארט (RES)-בארעכטיגט און קומען פון נייע באנייבארע ענערגיע גענעראטארס וואס האט אנגעפאנגען אפעראצעי אויף אדער נאך יאנואר1, 2015. דורך איר REC אפקויף, וועט SUNY אנעאנטא נעמען 1,000 oMWh פון נייע, לאקאלע באנייבארע ענערגיע אין 2025.

דורך אנטיילנעמען אין NYSERDA'ס פראגראם, ארגאניזאציעס קענען רעדוצירן זייער קארבאן פיס-אפדרוק און שטיצן לאקאלע, באנייבארע ענערגיע פראיעקטן דורכאויס ניו יארק סטעיט.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דורין מ. העריס) האט געזאגט,** "פארזיכערן לאקאל-גענומענע באנייבארע ענערגיע פאר אלע ניו יארקערס, ספעציעל פאר די פילע סטודענטן, איינגעשטעלטע און אנדערע וואס לעבן און ארבעטן אויף א קאלעדש קאמפוס, איז א קריטישע טייל פון ניו יארק סטעיט'ס ענערגיע פירערשאפט. NYSERDA איז שטאלץ פון איר צוזאמענארבעט מיט SUNY אנעאנטא און קוקט ארויס צו ארבעטן מיט אנדערע באנוצער, אזויווי העכערע בילדונג אינסטיטוציעס, דורך די פראגראם אינעם צוקונפט."

**סטעיט אוניווערזטעט אוו ניו יארק טשענסלאר John B. King Jr. (דשאן ב. קינג דשוניאר) האט געזאגט,** "דורך SUNY'ס קלימאט און דויערהאפטיגקייט שריט פלאן, מאכן קאמפוסעס אזוי ווי SUNY אנעאנטא טוישן היינט וואס וועט האבן א דירעקטע ווירקונג אויף זייער צוקונפטיגע דויערהאפטיגקייט און די ארומיגע קאמיוניטיס וואס מיר סערווירן. מיר אפלאדירן SUNY אנעאנטא פארן זיין די ערשטע אנטיילצונעמען אין גאווארנער Hochul'ס (האקול) פראגראם צו קויפן טיער 1 באנייבארע ענערגיע סערטיפיקאטן, און איך קוק ארויס צו די מיטגעטיילטע לערנונגען פון די איניציאטיוו אז מער פון אונזערע קאלעגעס און אוניווערזיטעטן וועלן פארשטיין וויאזוי oREC קענען די בעסטע ווערן איינגעפירט אין ריינע ענערגיע פראגראמען."

**סטעיט אוניווערזיטעט אוו ניו יארק אין אנעאנטא פרעזידענט Alberto Cardelle (אלבערטא קארדעל) האט געזאגט,** "אין מיין ראלע אלס קא-טשעיר פון די SUNY דויערהפאטיגקייט קאונסיל, האב איך די געלעגנהייט צו ארבעטן לענגאויס פירערס לענגאויס די SUNY סיסטעם צו אנטוויקלען די SUNY קלימאט און דויערהאפטיגקייט שריט פלאן. קויפן טיער 1 באנייבארע ענערגיע סערטיפיקאטן איז איין פאזיטיווע שריט וואס מיר נעמען אין SUNY אנעאנטא צו פירן די וועג אין אדרעסירן קלימאט טויש און דויערהאפטיגקייט. אונזער קאמפוס קאמיוניטי, פון סטודענטן, איינגעשטעלטע און באזוכער, שעצן דויערהאפטיגקייט און זענען דאנקבאר אז עס איינס פון אונזערע עיקר ווירדן אלס אן איינשטאלט."

**אסעמבלימעמבער Brian Miller (ברייען מילער) האט געזאגט,** "איך לויב אויס SUNY אנעאנא פארן זין א פירער צווישן SUNY אנשטאלטן אין נוצן לאקאל גענומענע ריינע ענרגיע. דורך ווערן די ערשטע קאמפוס צו פולשטענדיג פאורן רעזידענס זאלן נוצנדיג NYSERDA'ס וואלונטירישע סעילס פראגראמען דורך די אפקויף פון טיער 1 באנייבארע ענערגיע סערטיפיקאטן, שטעלן זיי א שטארקע ביישפיל פון וואס איז מעגליך ווען מיר פריאריטיזירן דויערהאפטיגקייט, אינאוואציע און לאקאלע ווירקונג," האט אסעמבלימעמבער Brian Miller געזאגט. "דאס איז א מאדעל צו וואס אינסטיטוציעס און ענערגיע באנוצער לענגאויס ניו יארק קענען קוקן ווען מיר ארבעטן צו א ריינערע, מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט."

די אפקויף איז טייל פון SUNY אנעאנטא'ס ריינע ענערגיע מייסטער פלאן וועלכע מאכט א ראודמאפ פאר קארבאן נוטראלקייט ביז 2045. די אוניווערזיטעט'ס טוישן איר קאמפוס געביידעס צו היץ פאמפ טעכנאלאגיע און קויפן די oREC, ווי אויך איר אנסייט סאלאר ענערגיע פראדוקציע, וועט העלפן אנפאנגען SUNY אנעאנטא'ס עלעקטריקל באנוץ.

NYSERDA איז די צענטראלע אדמיניסטראטאר פון טיער 1 REC אפקויפן און פארקויפן אין ניו יארק און שטיצט א פארשידנארטיגע סופליי פון ריינע ענערגיע דורך איר טיער 1 פראגראם. אנטיילנעמער אין דעם פראגראם קענען גלייך פרזיכערן די ענוויראמענטאלע בענעפיטן פון יעצטיגע אפערירונג פראיעקטן.

מען קען זען מער אינפארמאציע איבער די פראגראם אויף NYSERDA'ס וועבזייטל [דא](https://).

**ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע**
ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א אן אפּאָרדעבעל און יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט דזשאבס פון וועלכע עס איז מעגליך צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס דורך גרינע אינוועסטירונגען און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט פון די בענעפיטן קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ניו יארק רוקט זיך פאראויס מיט א רייע באמיאונגען צו ערנייכן אן עמיסיעס-פרייע עקאנאמיע ביז 2050, אריינרעכענענדיג אין די ענערגיע, געביידעס, טראנספארטאציע און מיסט סעקטארן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418


שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן